# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



כ"ד

# מסירת נפש למען הדפסה

עס איז געווען א איד וואס ער פלעגט פארקויפן משקאות. ער פלעגט פארקויפן וויין, ברוינפן, אלע מיני משקאות, ער האט געהייסן 'רבי יום טוב זלוטניק'. ער איז געווען מפורסם, א ליטוויק. נאר ער איז מקורב געווארן מיט אזא מין ברענענדיג הארץ - אז ס'האט נישט אנגעטראפן די קלייט מיט די משפחה מיט די קינדער. נאר דער רבי, נאר דער רבי! און ער פלעגט דרוקן - יענמאלט איז נאכנישט געווען קיין קרן הדפסה, און ס'נאכנישט געווען פאר וועמען צו דרוקן, אבער ער האט געבענקט צו דרוקן צו דרוקן און צו דרוקן. הכלל, האט ער זיך גענומען דרוקן די משיבת נפש, השתפכות הנפש. און איין מענטש אליין קען נישט אויסגעבן זיין גאנץ פארמעגן אויף צו דרוקן, אבער האב איך געוואוסט אז ער האט אין זיך אזא מין פייער'דיג הארץ - אזעלעכ'ס - צום רבי'ן. ער האט געהאט א קלייט, און ער האט געהאט ערגעץ א שטיבל, א קליין שטיבאלע, וואס ער פלעגט דארט אריינגיין לערנען

דעם רבי'נס ספרים, איך פלעג גיין אין דעם שטיבעלע.
און איך האב געהאט א גרויסע שטוב, און ביי מיר אין שטוב איז נישטא קיין שטיקל ברויט, די קינדער דרייען זיך ארום אזוי. און איך בין געגאנגען צו ר' יו"ט זלוטניק, נו, אז איך זאל איהם דערציילן, איז משמע אז איך קום צו ר' יו"ט אז ער זאל גיבן געלט - מען דארף דאך האבן ברויט. האב איך נישט גערעדט וועגן דעם...
ער איז געווען א קלוגער, און ער האט פארשטאנען אז מיין גאנצע מטרה אין דעם איז נאר אז מען זאל זוכה זיין צוצוברענגען דעם וועלט צום רבי'ן, מען זאל דרוקן דעם רבי'נס ספרים. איך האב דעם אידן געוואלט מחזק זיין, אז ער זאל זיך האלטן שטארק אין דעם. הכלל, איז געווען א פרייטאג נאך האלבן טאג, כ'האב מיך אנגעגארטעלט מיט עזות, מיט שטארקייט. אזוי בין איך אביישן, איינער אליין בעהטן נדבות... הכלל, איך בין אריינגעגאנגען אין קלייט אריין, יענער איז מבולבל געווארן, ער האט געזעהן עפעס א מין פנים, מיט אזא מיט התלהבות,

מיט אזא שטארקייט, ער האט דערקענט. הכלל, מען האט מיר געגעבן. בקיצור, איך בין געגאנגען פון איין קלייט צו די אנדערע, כ'האב געזעהן אז דער אייבערשטער ווייזט מיר הצלחה און מ'גיבט מיר. און אין יענע יארן אין יענע צייט - כ'האב געמאכט פינעף און זיבעציג פיאסטער! נו, איך בין געגאנגען - נישט וועגן ברויט - נישט וועגן מיר! איך בין געגאנגען אז ס'זאל זיין אן התחזקות פאר דעם יונגערמאן. יא, בין איך געגאנגען מיט די פינעף און זיבעציג פיאסטער, כ'האב עס איהם געגעבן אין די הענט! גארנישט, קיין איין פיאסטער נישט! פרייטאג פארנאכט'ס, כ'האב עס איהם גלייך געגעבן אז ער זאל האבן אויף הדפסה... (השואל; ס'איז געווען אסאך געלט?) אה! היינט האט עס גארנישט קיין ערך - מ'האט גארנישט קיין השגה וואס געלט איז דעמאלטס געווען! איך האב מיך געוואונדערט, נאר איך בין געגאנגען מיט אזא מין התלהבות, אזוי ווי דער בערגער...

*

נו, מ'קען מיינען - מ'קען קלערן אז איך דערצייל דברים בטלים, מעשיות וואס איז אמאל געווען; ברויט, געלט. ניין! דאס איז אלץ טייערע דרכים, דאס איז נישטא אין דער וועלט, דאס איז נאר דורכ'ן כח פונעם הייליגן רבי'ן וואס קען מאכן אזעלעכ'ס - אז מען זאל זיין אן ארימאן און מ'זאל מאכן פינעף און זיבעציג פיאסטער און מען גייט עס גלייך אוועקטראגן כדי ער זאל האבן התחזקות אויף צו דרוקן...

און דאס איז נישט בדרך הטבע, דאס איז למעלה מדרך הטבע, למעלה מן המקום, אזא מין זאך. און דאס איז נאר אין כח פון הייליגן רבי'ן קען מען מאכן אזא זאך, קען מאכן אזא ר' ישראל, און קען מאכן אזא ארימאן - איז געווארן משוגע און גייט אריין פון איין קלייט צו די אנדערע, און מ'ווערט פון איהם דערשראקן, און מען גיבט איהם שיינע נדבות - - און כ'האב מצליח געווען, כ'האב געמאכט פינעף און זיבעציג פיאסטער אין אזא קורצע צייט!...

* * *